# LIVING TORAH

## פרשת ויגש

### בס"ד. משיחת אור ליום ג' פ' ויחי, י"ב טבת, תהא זו שנת משיח
### – סיום "שבעת ימי המילואים" ל"דידן נצח" –

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

געפינט מען אַ הוראה אין תורה פאַרבונדן מיט אָט דעם ענין, און אַ הוראה עד כדי כך פשוט, אַז מ'דאַרף ניט זיין קיין גרויסער למדן, מ'דאַרף מערניט ווי אָפּטייטשן דעם אָפּטייטש בפשטות פון דעם סיפור (וואָס די גמרא דער) וואָס דער מדרש רבה דערציילט – וועט מען זען ווי אַזוי מ'קען דערפון אָפּלערנען און באַוואָרענען, אַז דער "קלוגינקער" זאָל אפילו ניט האָבן קיין העזה **אָנהויבן** רעדן אַ קרומע זאַך אין דער זאַך – וואָרום "כבר מילתי' אמורה" דעם פסק וואָס ער האָט געהאַט בעבר, ווען דער סיפור האָט געטראָפן ווי ס'ווערט דערציילט אין מדרש רבה פרשה קדושים.

אין וואָס באַשטייט אָט דאָס וואָס מ'דאַרף באַוואָרענען?

אַזוי ווי יעדער איד – אַחוץ אָט די וואָס "לבו חלל בקרבו", אָדער אָט די וואָס (עובד) הפכו ליצר-טוב, איז ער "בכל [לבבך – בשני] יצריך" – איז אַלע איבעריקע האָבן "שתי נפשות", ווי ער זאָגט אין תניא, וואָס איין נפש איז פאַרבונדן מיט יצר-טוב; דער צווייטער נפש איז פאַרבונדן מיט יצר-הרע.

דאַרף מען באַוואָרענען, אַז בשעת ס'וועלן זיך אַמפּערן די צוויי רוחות וואָס ס'איז דאָ ביי אַ אידן, און דער יצר-טוב וועט אים זאָגן, אַז ער דאַרף פאָלגן נשיא דורינו, און דאַרף פאָלגן דעם רמ"א און דאַרף פאָלגן וואָס שטייט אין פרק "חלק" אין מסכתא סנהדרין; דאָס איז פסקי דינים,

קומט אָבער גלייך, עבודתו באמונה, דער צווייטער רוח, און הויבט אָן מבלבל זיין, און הויבט אָן זוכן סברות און הסברות, אַז ניט איצטער האָט מען דאָס געמיינט, און ניט אויף דעם זמן רעכנט מען דאָס, און ניט אין דעם מקום מיינט מען דאָס, און דאָס זאָגט מען "לפנים", און דאָס זאָגט מען **לאמיתתו** וכו' – מיט די אַלע ענינים פון "אמתלאות", "אמת-לא", וואָס קען איינפאַלן (דעם יצר) דעם רוח וואָס געפינט זיך אין חלל השמאלי, און וואָס ער איז פאַרבונדן מיט יצר-הרע.

ווערט דערציילט אַ סיפור וואָס האָט שוין געטראָפן, און ס'איז דערציילט אין מדרש, אין ויקרא רבה פרשה קדושים, וואָס יעדערער קען נאָך דעם ריידן אַרויסנעמען דעם מדרש און אַ קוק-טאָן די אַלע פרטים:

אַז ס'איז געווען אַן אמורא, איז צו אים געקומען צוגיין אַ רוח – אַזוי שטייט דאָרט דער לשון "רוח" – און האָט אים געזאָגט, אַז ער איז אַ רוח **טוב**", והא ראי' – אַז ער געפינט זיך אין דעם אָרט און אויף דעם נהר, און האָט באַוואָרנט די גאַנצע צייט, אַז די אידן זאָלן זיך קענען באַנצן מיטן נהר און מיטן מקום וכו', און זיי זאָל ניט טרעפן קיינע ענינים בלתי-רצויים;

איצטער – האָט אים געזאָגט דער "רוח" – האָט ער באַקומען אַ ידיעה, אַז עס קלייבט זיך קומען אַ "רוח" וואָס ער איז **היפך הטוב**, און וואָס ער וויל אָנמאַכן צרות די אַלע וואָס נוצן זיך מיטן נהר און מיטן מקום וכו', און ער וויל קומען צוגיין, מיט זיינע מסייעים, און איבערנעמען די שליטה אויף אָט דעם נהר און אָט דעם מקום.

האָט ביי אים געפרעגט דער אמורא: וואָס ווילסטו פון מיר? האָט אים געענטפערט דער רוח – אַזוי שטייט אין ויקרא רבה אין פרשה קדושים:

ער זאָל אַוועקגיין צו זיך אין שטאָט, און זאָל דאָרט צוזאַמענקלייבן זיינע אידן, און זאָל זיי זאָגן, אַז זיי זאָלן



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ויגש

זיין צוגעגרייט, און בשעת דער רוח טוב וועטע דערזען (אַז ס׳קומט דער רוח) אַז ס׳קלייבט זיך קומען דער רוח בלתי-טוב, וואָס דאָס איז **לרעתו** של ישראל – וועט ער אים זאָגן, זאָל דעמאָלט קומען צוגיין מיט די אידן וואָס וועלן זיין צוגעגרייט – **צוגעגרייט** האָט ער אים געזאָגט – מיט אַלע-ערליי קלאַפּערייען [(מיט ענינים) מיט כלים וואָס מאַכן אַ קלאַפּעריי], און זיי זאָלן זיך שטעלן אויף דעם אָרט וואו דער רוח **טוב** געפינט זיך, און וואוהין ס׳וויל קומען דער רוח **בלתי-טוב**, און זיי זאָלן **שרייען**. וואָס זאָלן זיי שרייען ? – **״דידן נצח״ !**

**ווען** דאַרף מען שרייען ״דידן נצח״ ? – כדי אַוועקטרייבן דעם יצר-הרע.

און מ׳דאַרף וויסן זיין לכתחילה, אַז ער [היצר-הרע] ווייס אַז ס׳איז דאָ דער יצר-טוב, און במילא ווייס ער, אַז ס׳איז דאָ די הוראה וואָס דער **יצר-טוב** גיט איבער, און אעפ״כ דערשרעקט ער זיך ניט. און לולי דעם זאָגן ״דידן נצח״ – און מיט אַ **געשריי** ״דידן נצח״ – ווייס מען ניט צי מ׳וואָלט אים מנצח געווען.

בשעת אָבער מ׳וועט זאָגן ״דידן נצח״ ווי **מ׳דאַרף** אים זאָגן, **ווי נשיא דורינו וויל** – איז אָט דעמאָלט וועט מען דורך דערויף פאַרטרייבן דעם יצר-הרע.

ועד כדי כך – ווי ער איז מסיים אין מדרש – אַז מ׳האָט געזען על פני המים האָט זיך באַוויזן אַ טיפת דם, וואָס דאָס באַווייזט אויפן **חיות** מיטן **קאָך** פון דעם רוח-רעה, און דערנאָך איז געוואָרן **רואיק** און די וואַסער איז געוואָרן רואיקער, וואָס דאָס איז געווען דער סימן, אַז ״דידן נצח״ אויך אין דער מלחמה צווישן דעם רוח **טוב** מיטן רוח וואָס איז **ניט-קיין-טוב**, כמדובר לעיל.

זיכער דאַרף מען אין דערויף ניט האָבן קיין נמשל. וואָס ס׳איז מעצמו מובן.

ובפרט נאָך, כאמור, אויב מ׳דאַרף האָבן אַ הוראה, אַ **ליכטיקע** און אַ **קלאָרע** אין תורה – האָט מען דאָס אין אָט דעם מדרש רבה וואָס ס׳ווערט [אַר]אָפּגעבראַכט דער לשון ״דידן נצח״, און ווערט אַראָפּגעבראַכט צו וואָס דאָס איז נוגע, און ווערט אַראָפּגעבראַכט, אַז אַ איד דאַרף זיך באַהילפיג זיין פון אַ **צווייטן** אידן, יענער זאָל אויך זאָגן ״דידן נצח״;

וואָס **טוט מען אויף** מיטן ״דידן נצח״? – איז די **בחינה** בזה איז, אַז מ׳זעט אַז דער רוח **בלתי-**(רע) [טוב] ווערט פאַרטריבן, עד כדי כך, אַז ס׳ווערט בטל זיין דם און זיין חיות – אָט דעמאָלט האָט געזען דער אמורא – ווי דערציילט אין מדרש – אַז די שליחות האָט זיך דורכגעפירט !



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.